# טעמו וראו

מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

גיליון מ"ז פרשת קרח - תש"פ

## "זיי נישט חולק אויף דיין אייגינעם משה"

פרשה זו יפה נדרשת, אסאך קאכט זיך ארום די פרשה. איך וואלט געוואלט אנרירן איין נקודה, נאר פארדעם וויל איך געבן א שטיקל הקדמה: אונז האבן נישט קיין השגה אין די מחלוקת פון קרח, די פשטות פון די מחלוקת, ווי באוווסט וואס דער הייליגער ישמח משה האט אויסגערעכנט זיינע אלע גלגולים און ער האט געזאגט: איך בין געווען ווען ס'איז געווען אין דור המדבר די פרשה פון קרח, מ'האט אים געפרעגט: נו, מיט וועמען ביסטו געגאנגען, האט ער געזאגט אז ער איז געשטאנען פון זייט. ס'איז נישט געווען אזא פשוט'ע מחלוקת.

אבער אזיווי אונז זענען דאך דא משתדל יעדן שמועס אריינגיין אין נקודה וואס געהערט צו אונז. מיר רעדן אויף דער חלק פון קרח וואס איז דא אין דער מענטש אליין. - ס'איז ידוע אז א מענטש איז א עולם ומלואו, א מענטש האט אין זיך א בלעם, מיט א קרח, מיט א בלק, מיט א עשיו, מיט א יעקב, מיט א משה, אלס איז דאך דא אין א איד.

### כשם שצריך אדם להאמין בהשי"ת - כך צריך אף על כך להאמין בעצמו

שטייט א פסוק אין די וואכיגע פרשה (יז, ה): ולא יהיה כקרח וכעדתו. דער "חפץ חיים" קאכט אין די ענין מחלוקת באריכות. אבער לאמיר אונז נעמען אונז זאלן נישט זיין ווי קרח.

קרח איז נישט געווען קיין פשוט'ער מענטש, ער איז געקומען מיט א גרויסע אידישקייט. די זעלבע א איד האט אין זיך א כח פון משה רבינו, אזוי ווי דער רמב"ם זאגט (רמב"ם תשובה ה, ה) א מענטש קען דערגרייכן די דרגות פון משה רבינו, און ער האט אין זיך א נקודת צדיק פון משה רבינו. און ער דארף עס וויסן, מיט ויגבה לבו בדרכי ה' (דהי"ב יז, ו), גיין מיטן גאנצן שטאלץ און מגלה זיין זיין כוחות. אבער ער האט אין זיך אויכעט א קרח וואס קומט אסאך מאל מיט א גרויסע אידישקייט, ווי ס'ווערט גערופן אין די ספרים: 'ענוה פסולה'. און ס'ווערט א גרויסע עבודה, די עבודה אמיתית פון דעם מענטשן אז ער איז דער 'ניין', ער קאכט אין דער ניין פון אים, ער לאזט זיך נישט. "איך בין א 'ניין'", נישט "איך בין א 'יא'". קומט דער הייליגער צדקת הצדיק (אות קנ"ד) און ער זאגט דארט א מורא'דיגער לשון. דער לשון פון אים איז אזוי, די ווערטער: **כשם שצריך אדם להאמין בה' יתברך, כך צריך אף על כך להאמין בעצמו**. און דארט אין המשך זאגט ער: וזהו פירוש ויאמינו בה' ובמשה עבדו. פירוש משה כלל ששים רבוא. אין יעדן מענטשן איז דא א משה, און ער דארף זיין "ויאמינו בה' ובמשה עבדו", און טאמער ס'פעלט אים אין אמונה אין משה וואס איז אין אים פעלט - רחמנא ליצלן - דער מענטש אין יסוד האמונה.

דאס הייסט, א מענטש אמאל פראוועט א נידער. נע איך בין א גארנישט, און ער שפירט זיך נאך: אה! גרעסטע קרבת אלוקים! אבער דער גארנישט - אז איך בין דאך שוין א גארנישט בין איך דאך א גארנישט, איז אים נישט מחייב.

ס'איז ידוע דער לשון פון קדושת לוי (קדושה שלישית פורים) שרייבט ער וזה לשונו: וזה עיקר עבודת האדם עבור לעשות נחת רוח להבורא ברוך הוא **אמנם אם מתייאש את עצמו ואומר שאין להקב"ה נחת רוח בתחתונים אין זה נקרא עניו ושפל ברך, אדרבה הוא נוטה קצת למינות ר"ל**. א מענטש ווען ער קען נישט איין אין דעם משה רבינו שבו, אין דעם צדיק שבו, אין די גוט'ס שבו, און ער קומט מיט פאלשע עניוות, און ער צונעמט עס, איז ער פשוט קרח. ער איז א קרח שבו קעגן זיין משה.

### פאלשע עניוות וואסמאכט חרוב דעם אייגינעם ביהמ"ק

ס'דא זייער א שיינער א תולדות (פרשת עקב ד"ה ואחר הצעה) בשם בעל שם טוב, די פינטל וואס ער שטעלט זיך אוועק אויף דעם חז"ל (גיטין נו, ב) ענוותנותו של זכריה בן אבקולס החריבה בית המקדש, אז דער מענטש איז א בית המקדש און אמאל מיט זיין אייגענע ענווה איז ער מחריב דעם בית המקדש שבו. ער צונעמט עס. - ס'איז אביסל א ברייטערער תולדות, אבער די יסוד פון דעם תולדות איז געבויעט אז אמאל א פאלשע עניוות, א פאלשע זאך, און מ'קוקט עס נאך אן אסאך מאל פאר א עבודה טראכטנדיג: אה, איך בין א גארנישט, ער רעדט זיך איין אז ער איז א גארנישט, ס'איז נישט אמת.

עד כדי כך, אויף דעם יסוד, און למעשה ס'איז א יסוד וואס דער אר"י הקדוש האט אמאל געזאגט פאר זיין תלמיד ר' חיים וויטאל. ר' חיים וויטאל האט אמאל געפרעגט פארן אר"י הק': איך האב דאך

גאנץ א קליין נשמה וואס טוהט זיך מיט מיין עבודת ה'? האט ער זיך אנגערופן דער אר"י הק' צו ר' חיים וויטאל: אז די עבודה פון היינט איז אזוי ווי תנאים, ער האט אים געזאגט אז ער איז אזוי ווי ר' עקיבא, - עפעס אזא סארט לשון איז דא דארטן - ווייל ווי נידעריגער די דורות איז איז די עבודה אסאך העכער. אין דער קאמארנער שטעלט זיך שוין אויף דעם און ער זאגט, מאכן א קל וחומר, אויב אין צייטן פונעם אר"י הק' וואס דער הייליגער ר' חיים וויטאל האט געזעהן זיין נשמה,

און דער אר"י הק' האט אים געזאגט אז ער קומט צו צו אזא הויכע מדריגה, זאגט דער קאמארנער איז אויב אזוי אין אונזערע צייטן? זאגט ער, אונז זענען אויף א מורא'דיגע מדריגה. און פארשטייט זיך אז אונז וועלן רעדן פון היינטיגע צייטן?

### *די עבודה אין היינטיגע דורות*
### *ווי די עבודה פון כה"ג יוה"ק*

ס'דא א לשון פונעם הייליגער סאטמאר רב וואס זאגט א מורא'דיגער לשון, ס'ווערט נישט געברענגט אין קיין שום חסידי'שער ספר, אבער נאך ווען מ'ווייסט דעם יסוד וועט מען עס פארשטיין. שרייבט דער לשון ס'איז אין פרשת ויחי עמ' תקס"ג, שרייבט ער אזוי: **בשפלתינו הגדול כדורינו עבודת כל אחד מישראל עושה רושם ומצפים בשמים על זה כבחינת עבודת הכהן גדול ביום הכפורים**.

מיט די ווערטער שטעלט זיך אוועק א יסוד. א מענטש זאל אזוי מעריך זיין זיין נקודה. מיט די ווערטער קען מען עס פארשטיין, ווי דער תולדות שטעלט אוועק דעם יסוד ענוותנותו של זכריה בן אבקולס האט מחריב געווען ביהמ"ק? ווייל א מענטש אליין איז א שטיק ביהמ"ק. ווי דער סאטמאר רב זאגט א יסוד אז מ'ווארט אויבן אויף דער מענטש'ס עבודה כעבודת כה"ג ביוה"כ. דאס אז דאס היינט געלייגט תפילין, האסט היינט געענטפערט א אמן, אויף דעם אמן אויבן האט מען געווארט אזוי מ'ווארט א גאנץ יאר אז דער כה"ג זאל אריינגיין יו"כ און מאכן די עבודה פון קטורת - האט מען געווארט היינט אויף דיין אמן! אויף דיין מצוה! אויף דיין פארמאכן דעם בענדל פון די לינקע שיך פאר די רעכטע, מקיים זיין א סעיף אין שו"ע, אזוי ווי מ'ווארט א גאנץ יאר אויבן אין פמליא של מעלה אויף די עבודה פון יו"כ וואס איז איין מאל א יאר פון כה"ג.

היוצא מדברינו למעשה, אסאך מאל ס'קומט פון א אמת'ער מקור, ווייל אלץ אינגל, אז א אינגל אמאל וועט זאגן: איך פארשטיי אליין און מ'וועט אים נישט שטעלן אויפן פלאץ, אדער א בחור, וועט ער נישט ריכטיג וואקסן. אבער מ'דארף אכטונג-געבן נישט בלייבן דעם גאנצן לעבן: איך בין סיי ווי סיי גארנישט. מצד אחד דארף ער וויסן אז ער איז סך הכל א תלמיד חכם, ער דארף מקבל זיין אלעמאל, ער איז א גארנישט. אבער ער דארף וויסן נישט זיין ח"ו "ולא יהיה כקרח וכעדתו", חולק זיין אויפן חלק משה שבו. זיך שעצן, וויסן ס'איז יא דא אין מיר א גרויסע זאך, און וויסן אז יעדער קלייניקייט וואס איך טוה קערט וועלטן. ווי דער הייליגער סאטמאר רב - אז מ'ווארט אזוי ווי יוה"כ אין קודש הקדשים די עבודה פון כה"ג. און נאך דעם וועט מען וויסן צו מעריך זיין יעדער קלייניקייט אין עבודת ה', יעדער אנשטריינגונג, יעדער פשוט'ע זאך, יעדע ברכה.

### *זיך פארן מיט 'יא'*

דער אויבערשטער זאל העלפן אונז זאלן באמת לעבן אין די נקודה און זיך שעצן, און אז מ'ווייסט אז מ'האט איז יש לו מנה רוצה מאתיים, א מענטש וואס האט יא, ער פארעט זיך מיט יא - זוכט ער נאך יא. ער פארעט זיך מיטן ניין, בין איך דאך סיי ווי סיי ניין וואס וועל איך אנקומען.

פון היינט וועלן אונז זיך אונטערנעמען בעז"ה זיך פארן מיטן יא, און זעהן דעם יא, און דער אויבערשטער זאל העלפן אונז זאלן לעבן אין די נקודה ריכטיג.

## אויסגעוועלטע פערל ווערטער פון די טעגליכע "חיזוק יומי" שמועסן

### *די הכנה אויף שבת*
### *- א ליכטיגקייט אין שבת*

...כדי צו זיך אביסאלע בעסער מתחבר זיין ווי ווייט דערגרייכט דער ענין פון זיך צוגרייטן אויף שבת, איז פאסיג צו דערציילן א שיינע מעשה וואס ס'איז געווען ביי דער רבי ר' מנדל'ע רימנוב'ער. א מורא'דיגע מעשה.

ס'איז געווען חסידים פון ר' מנדל'ע רימנוב'ער וואס האבן געוואוינט אין א אנדער שטאט און פלעגן פארן מפעם לפעם אויף שבת צו ר' מנדל'ע. זיי האבן געהאט עפעס א קביעות'דיגער בעל עגלה וואס ווען זיי האבן זיך צאמגענומען צו פארן אויף שבת האט מען גענומען דעם בעל עגלה און דער איד - וואס איז געווען א פשוט'ער איד - פלעגט זיי נעמען אויף שבת. ער פלעגט איינשטיין אין א אכסניה אין שטאט רימנוב, און מוצ"ש אדער זונטיג האט ער זיי צוריק געפירט צו זייער שטאט. דאס איז געווען זיין פרנסה. אזוי איז געוועזן יארן וואס ס'האט אזוי געארבעט.

אבער אזויווי ער האט געזעהן אויפן וועג צוריק ווי די חסידים קאכן אזוי שטארק און די ווערטער וואס דער רבי האט געזאגט א.א.וו. און ס'האט אים געמאכט זייער נייגעריג. וואס איז דארטן פונקט ביים רבי'ן? וואס קומט דארט פאר? - האט ער מחליט געווען איין מאל אז ווען ער וועט פארן אנשטאט צו גיין אין די אכסניה א וואו ער פלעגט אלעמאל לאמיר גיין איין מאל צו ר' מנדל'ע רימנובער אויף א שבת, לאמיר זעהן וואס ס'וועט זיך אויסקאכן.

ער איז טאקע געוועזן ביי ר' מנדל'ען א שבת, איז ער געווען זייער א פשוט'ער מענטש, מיט זייער קליינע השגות. ממילא, ס'איז געווען ביי א טיש, דער רבי האט גערעדט תורות, צו וואס דאס איז, ער האט נישט פארשטאנען קיין סאך וואס מ'רעדט דארט אבער פון דעם גאנצן שבת האט ער מיט גענומען א יסוד אז ס'איז א ענין און ס'איז א גרויסע זאך אז מ'דארף זיך צוגרייטן צום שבת און לויט

ווי מ'גרייט זיך צום שבת באקומט מען די קדושת שבת. ער האט געכאפט דעם פוינט, די נקודה האט ער קונה געווען, ס'איז קלאר געווען ביי אים אז מ'דארף שוויצן צו באקומען די נקודה פון שבת.

און אזויווי ער איז געווען זייער א ערנסטער, פארצייטישער און א הייליגער תמימות'ער איד, האט ער האט מחליט געווען אז ווען ער קומט צוריק צו זיין שטעטל וועט ער זיך גרייטן אויף שבת. - זונטיג אינדערפרי איז ער מודיע פאר זיין רעבעצין: אויף די וואך שבת וויל איך זיך אנשטרענגען. איך וועל וואשן בעז"ה די וועש, איך וויל באקן, איך וויל קאכן, איך וועל א גאנצער וואך טוהן פאר שבת. ער איז געגאנגען צום שוחט און געשחט'ן די הינדל, געפליקט און גוזאלצן. ער האט זיך פארנומען א גאנצע וואך מיטן שבת.

### מי שטרח בשבת יאכל בשבת

פרייטיג פארנאכט, ווי ער הייבט אן אריינגיין אין שבת האט ער אנגעהויבן שפירן א ברען אין שבת. ס'איז געווען א אנדערער דאוונען, ער האט געהאט א אנדער סעודת שבת, ס'האט אים אזוי געשיינט, ער האט געזונגען זמירות ווי ס'דארף צו זיין. ער האט געלעבט אין דעם שבת. עד כדי כך ער האט געהאט אויכעט א משרת אין שטוב, איינער וואס פלעגט עסן ביי אים שבת, און אויך געווען זייער א פשוט'ער מענטש און ער האט זייער באוואונדערט א וואו איז זיין בעל-הבית, און וואס האט פאסירט 'ער איז געווארן א רבי?' האט ער געטראכט ביי זיך, 'וואס דאוונט ער אזוי געשמאק און ער קאכט אזוי?' איז ער געשטאנען ערשטוינט. ער האט געקאכט א שבת און ער האט געהאט א בחינה פון מעין עולם הבא. אזוי ווי עולם הבא באקומט מען א מתנה - שבת איז א מתנה, מ'באקומט א הארה. און האט ער באקומען.

מוצאי שבת. דער שבת איז אוועק איז ער צוריק געפאלן, פארלוירן די אלע הארות, געווארן צוריק דער באלעבאס. אבער ער האט דאך שוין פארזוכט דעם געשמאקן טעם, און ער האט געוואוסט אז ס'לוינט. ער וועט משקיע זיין א גאנץ וואך, וועט ער באקומען שבת האבן א גרויסע הארה.

ער האט טאקע געשפירט אז ער איז געווארן צוריק א פויער, א פשוט'ער מענטש, אבער ער האט אנגהויבן די ארבעט. ער זאגט אין שטוב: רעבעצין! די וואך בעז"ה ארבעט איך די גאנצע וואך פאר שבת. ער האט טאקע געוואשן די וועש און געגאנגען צום שוחט, געארבעט די זעלבע ארבעט ביזן סוף. ס'ווערט פרייטיג פארנאכט, אבער... ער שפירט נישט קיין שום הארה. שבת ביינאכט, ביים דאוונען, ביי די סעודה, אלץ בלייבט ער דער זעלבער פויער, א וואו איז די גרויסע הארה פון שבת ער האט דאך א גאנצע וואך געארבעט?

ער ווייסט נישט. ס'איז א מקרה, טראכט ער צו זיך. אזוי האט ער געצויגן נאך א וואך. וואס ער באקומט נישט. נאך א וואך, ער באקומט נישט.

### הכנה אויף קדושת שבת אדער אויף א טעם אין שבת

האט ער מחליט געווען אז ער פארט אראפ אויף רימנוב. ער האט גענומען זיין וואגן און געפארן אויף רימנוב, ער קומט זעהט ער עפעס א גרויסע טומל און א גערודער דארט אין די שטאט. וואס איז? ר' מנדל'ע איז נפטר געווארן, און יעצט קומט מען צוריק פון די לויה.

ער איז פשוט צאמגעפאלן און געחלש'ט. איך בין געקומען יעצט צום רבי'ן זאל מיר ראטעווען וואס פאסירט מיט מיינע שבתים, דער רבי איז נישטא!?

מ'האט אים געמינטערט. די חסידים האבן געהערט די גאנצע זאך וואס פאסירט דא און האבן זייער באוואונדערט: ער איז דאך שוין יא משקיע אינמיטן וואך פארוואס שפירט ער נישט די הארה פון שבת? - ס'געווען דארט א חשוב'ער איד וואס האט געזאגט: די סיבה איז ווייל די ערשטע וואך האט ער געארבעט אויף שבת, לכבוד שבת, ער האט געגלייבט אין די נקודה פון דעם רבי'ן, דער רבי זאגט מ'ארבעט אויף שבת באקומט מען א מתנה פון שבת, האט ער געארבעט פארן שבת. די צווייטע וואך, ער האט דאך שוין געשפירט א טעם אין שבת, האט ער שוין געארבעט פאר זיך. איך גיי באקומען שבת אזעלכע גוטע זאכן, אזוי ווי ער ארבעט, דער פויער ארבעט כדי צו האבן געלט צו קויפן א גוטער פיש, ער האט געארבעט א גאנצע וואך צו האבן א גוטן פיש, אבער ער האט שוין נישט געארבעט פאר שבת, ער האט שוין געמיינט זיך, ממילא האט ער נישט באקומען די הארה.

### א טועמיה פון דעם זיסן טעם פון שבת

דאס איז איין מהלך פון די סוף פון די מעשה, ווי דער פוריסוב'ער רבי דערציילט עס. ס'איז דא נאך א מהלך, וואס ר' צבי מאיר זילבערבערג דערציילט, אביסל אנדערש דער סוף פון די מעשה: ס'געווען דארט א גוטער איד ער האט מסביר געווען פאר דעם אידן אליין ער האט אים געזאגט: דער ערשטער שבת וואס דו האסט באקומען, ריכטיג דו ביסט געגאנגען צום שוחט און אלעס, אבער מ'באקומט נישט אזא גרויסע הארה אין איין וואך. מ'האט דיר פשוט געגעבן 'טועמיה' - טעם הראהו, מ'האט דיר געגעבן א טעימה צו וואו מ'קען דערגרייכן שבת, אבער ס'איז תלוי אז די גאנצע וואך און וועסטו זיך אויכעט פארבעסערן, אז דו וועסט אנהייבן אביסאלע לערנען, דאווענען מיט א מנין יעדן טאג 3 מאל א טאג. נישט דאווענען דארטן אין שטאל, דאוון מיט א מנין, לערן אביסל חק לישראל, כאפ אריין אמאל א שיעור ברבים, צו קענען אביסל הלכות. ווי מער דו וועסט זיך מתקדם זיין וועסטו קענען צום סוף אנקומען צו אזעלכע געשמאקע שבתים, אבער מ'באקומט נישט אלעמאל אזא גרויסע הארה פון א שבת.

קומט אויס, א מורא'דיגע נקודה. מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת, ווי מער וועסט משקיע זיין און געדענקען, יא, איך א גאנצע וואך בין משקיע אויפן כבוד פון שבת, איך פארבעסער זיך.

### והכינו את אשר יביאו - תשובה טוהן ערב שבת

ס'דא אויך די נקודה פון תשובה טוהן ערב שבת. און ס'איז ידוע אז אין שטוב פון רבי ר' אלימלך, האט אזוי געקאכט די נקודה, חסידים דערציילן, ס'האט אזוי געקאכט די נקודה פון תשובה אז מ'האט פשוט זיך איבערגעבעטן, ס'איז באוואוסט ס'ווערט געשריבן אין די סיפורי מעשיות פון סדר הדורות ווי מ'רופט עס,

אז מ'האט זיך דארטן געדינט, מ'האט זיך איבערגעבעטן אזוי ווי ערב יו"כ, ווייל מ'גייט דאך תשובה טוהן, מ'דארף זיין ריין, קומען צום שבת אויסגעוואשן. אזוי ווי מ'מאכט ריין די ערד, מ'וואשט אויס די וועש, און מ'גרייט צו אלעס צום שבת, האט מען דעם נפש אויכעט אויסגעוואשן. מ'האט תשובה געטוהן און זיך פשוט אזוי ווי ערב יו"כ זיך ריינגעמאכט.

קומט אויס, אז ס'שטארק תלוי וויפיל מ'וועט משקיע זיין דורך די וואך אין אריינקאכן אין דעם שבת, וועט מען עס באקומען.

### *די פעולות וואס ווערן אין יעדן'ס פאל - לכבוד שבת קודש*

יעצט וועט מען אריבערגיין למעשה אז אונז טוהען סיי ווי סיי אסאך אסאך זאכן וועגן לכבוד שבת דורך די וואך. וועט אנרירן נאר צוויי זאכן וואס אונז טוהען פאר שבת, נאר פשוט מ'כאפט נישט און מ'פארגעסט אז אונז זענען משקיע אויף שבת.

יעדער איד, צו ער האט א ביזנעס, צו ער ארבעט א יגיע כפים, צו אפילו כולל, יעדער איד דורך די וואך טוהט כדי ער זאל האבן געלט צום לעבן. אבער יעדער זאל זיך פרעגן א שאלה: דו ווייסט אז דיין ארבעט גייט א גרויסער חלק פון געלט גייט פאר כבוד שבת? ס'גייט טאקע אויכעט פאר שכר לימוד פון קינדער, ס'גייט טאקע אויכעט פאר פארשידינע זאכן אבער א גרויסער חלק פון דיינע געלט וואס דו טוהסט א חודש איז פאר כבוד שבת, אויף הוצאות שבת. פארוואס זאלסטו נישט כאפן, אזוי ווי ס'איז מבואר אין של"ה הק' (מסכת שבת פרק נר מצוה אות לא) און אסאך חסידי'שע ספרים אז ווען מ'זאגט 'לכבוד שבת קודש' איז מען מקדש דעם מאכל - דאס איז א שיעור לעצמו וואס הייסט זאגן 'לכבוד שבת קודש' - אבער געדענק יעצט, ווען דו גייסט צום ארבעט דורך די וואך, ס'ליגט אין דעם כבוד שבת. והיה ביום הששי והכינו (שמות טז, ה), איך גרייט זיך צו געלט צו איינקויפן אויף שבת, צו אריינשיינען דעם שבת. איז שיין שוין אריין אין דיין ארבעט אז אין דיין ארבעט ליגט כבוד שבת.

דאס איז איין נקודה. און ס'איז א ברייטע נקודה.

ווען א איד וואלט געוואוסט, אשר קדשנו במצוותיו, אז זיין ארבעט איז א כלי קודש, ער ארבעט פארן שבת. - אפגערעדט וואס ס'איז ידוע פון צדיקים אז מ'וועט אויסקוועטשן די געלט פון א איד ליגט אלעס מצוות. איך גיי יעצט נישט אריין אין דעם, איך רעד יעצט אבער צו די נקודה פון כבוד שבת. איין נקודה, וואס מ'מאכט סיי ווי סיי.

### *חמדת ימים אותו קראת - די חמדה און די ערווארטן ברענגט די קדושת שבת*

נאך מער, ס'דא א יסוד פון ספרים הק' וואס לייגן אוועק א יסוד אויף די ווערטער וואס מ'זאגט ביים דאווענען "חמדת ימים אותו קראת זכר למעשה בראשית" אז דער שבת איז געבויעט פון די חמדה פון די ימים פון אינמיטן וואך. וואס איז די חמדה פון די ימים פון אינמיטן וואך? די געשמאקע זאך? די תפילה. מאכט ער א חשבון אז ס'ווערט געבויעט 3 תפילות, די גאנצע סדר, בקיצור, א איד האט 24 שעה פון די ווארט וואס מ'דעם בויעט ער אויף דעם שבת. קום זיך מאכן א חשבון, אונז דאווענען סיי ווי סיי, דער דאווענען בויעט אויף דעם שבת. מ'גרייט צו מיט דעם דעם שבת. די חמדת ימים - דאס אותו קראת, מיט דעם וועסטו בויען א שבת. ביסט ביי דיין ארבעט - ארבעטסטו פאר שבת. די תפילות - בויעט אויף דיין שבת. אז אונז וועלן געדענקען און זיך מחזק זיין פון היינט אז באמת די וואך גרייט צו דעם שבת. די ארבעט פון די וואך, די געלט פון די וואך גרייט צו דעם שבת. די דאוונענ'ס פון די וואך גרייט צו דעם שבת. וועלן אונז שוין אויכעט אין זייטיגע צייט געדענקען דעם שבת און זיך צוגרייטן צום שבת און באמת באקומען הארה פון שבת, די מתנה טובה, וואס רופט זיך שבת. לעבן. וועט מען קענען דערגרייכן די נקודה פון כל מלאכתך עשויה, גשמיות און רוחניות. מ'וועט קענען קאכן. און מ'וועט בעזר ה' באקומען די מתנה. אונז וועלן לעבן אין שבת, אבער לאמיר זיך צוזאמען זיך מתבונן זיין און זיך פרייען ב"ה אונז האבן די זכיה, אונזער ארבעט גייט פאר שבת, אונזער דאווענען גייט פאר שבת, אונזער לעבן פון די וואך גרייט צו דעם קומענדיגער שבת. וועלן אונז באמת זוכה זיין צו זיך מחזק זיין נאך מער און נאך מער, און ברענען ווי מער ברענען אינמיטן וואך וועט זיין דער כח פון שבת שטארקער.

אונז זאלן זוכה זיין מקבל שבתים ווי ס'דארף צו זיין, און זוכה זיין באמת אויכעט מאכן די הכנה צום שבת ווי ס'דארף צו זיין.


טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**א פרייליכע מעלדונג**

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1